09
פרשת חק"ב
Jun. 21 2026




# קיפקע


שכונת ויואל משה
דיין לאקאלער צירקל
letters@svmkipka.com • 845.682.1282






קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער
845.512.5555
carsafe



# די מאמע איז אלץ דא פאר'ן קינד

מרת ל.

די וואך אין די סדרה שטייט די מצוה פון פרה אדומה, אויף וואס אונזערע הייליגע חכמים זאגן א שיינעם משל. פונקט ווי ווען א קינד פארשמוצט דעם פאלאץ פון א קעניג, רופט מען די מאמע אז זי זאל אויפרייניגן די שמוץ. אזוי אויך, די עגל איז געקומען דורך א קעלבעל, אזוי אז די קוה - די מאמע פונעם קעלבעל - קומט מכפר זיין אויף דעם עגל.

דער משל אנטפלעקט אונז אבער עפעס טיפער. ווען עס קומט א פראבלעם, ווען עס קומט א דורכפאל פון א קינד, ווען עס קומט א מצב וואס קיינער פארשטייט נישט דעם קינד, ווער איז די ערשטע וואס שטייט דארט קעיר צו נעמען? די מאמע.

עס איז געווען אן אלמנה אין א קליינע שטעטל אין אייראפע. זי האט געהאט דריי קינדער און א שווער לעבן. יעדן טאג האט זי געארבעט שווער אהיים צו ברענגען א שטיקל ברויט. איר עלטסטער זון איז געווען א וואוילער בחור, אבער ווען ער איז געווארן עלטער האט ער אנגעהויבן זיך צו דרייען מיט נישט די ריכטיגע חברים. ער האט פארפאסט ישיבה, פארפאסט דאווענען, און ביסלעכווייז האט ער זיך דערווייטערט פון אידישקייט.

יעדער האט אויפגעגעבן אויף דעם בחור. זיי האבן געזאגט פאר דער מאמע: "דו דארפסט זיך אפגעבן נאר מיט די אנדערע קינדער. דער בחור איז שוין פארלוירן. אבער א אידישע מאמע גיט נישט אויף.

יעדע נאכט, ווען יעדער איז שוין געשלאפן, פלעגט זי זיצן ביים ליכטל און זאגן תהלים. זי האט געוויינט צום אייבערשטן: רבונו של עולם, ער איז מיין און דיין קינד. איך קען נישט אויפגעבן. אבער אזוי זענען יארן פארביי, איר זוהן איז ליידער געקראכן ווייטער אויף נישט גוטע פלעצער.

איין נאכט, ווען ער איז געגאנגען אויפ'ן גאס, האט ער געזען א קליינע שול. עפעס האט אים געצויגן אריינצוגיין. דארט האט ער געהערט א דרשה איבער די כח פון א אידישע מאמע. דער מגיד האט געזאגט:

עס זענען דא תפילות וואס גייען נישט פארלוירן. א טרער פון א מאמע קען ווארטן צען יאר, צוואנציג יאר, אבער אמאל קומט דער רגע ווען הימל עפנט זיך. אט דאן איז עס געשען.

די ווערטער האבן אים דורכגעשניטן דאס הארץ. צום ערשטן מאל אין לאנגע יארן האט ער געטראכט פון זיין מאמע. ווי זי פלעגט ווארטן אויף אים. ווי זי פלעגט וויינען פאר אים. ער האט אנגעהויבן וויינען.

פון יענעם טאג און ווייטער האט זיך זיין לעבן געטוישט. ביסלעכווייז איז ער צוריקגעקומען צום אידישן וועג. שפעטער איז ער געווארן א חשוב'ער איד, און ווען מען האט אים געפרעגט וואס האט אים צוריקגעברענגט, האט ער געזאגט: נישט מיין שכל. נישט מיינע כוחות. נאר די טרערן פון מיין מאמע.

דאס איז דער סוד פון פרה אדומה. פונקט ווי פרה אדומה איז א חוק וואס גייט העכער פון מענטשליכן פארשטאנד, אזוי איז אויך די ליבשאפט פון אן אידישע מאמע. זי רעכנט נישט חשבונות. זי פרעגט נישט צי עס לוינט זיך. זי האפט, זי גלייבט, זי בעט, און זי הערט נישט אויף, ביז אירע תפילות ווערן אנגענומען.



pentagon group
אייער פריינט
מיכל דיימאנד
תושב השכונה
טרעף דיין פאסיגע פאָר
אין א וועלט פון אזויפיל
"בעסיק טעלעפאנען"
קענסטו וויסן וועלכע
איז געאייגענט פאר דיר
BASIC CELLPHONE Catalog
בעסיק טעלפאון קעטעלאג
diamant telecom
FIG FLIP
POM CLASSIC
נעם אפ דעם קעטעלאג
ביי אלע דיימאנט טעלעקאם לאקאציעס
א קלארע אינפארמאטיוו קעטעלאג
איבער די אייגנשאפטן און מעלות פון
יעדע "בעסיק פאון" אויף די מארקעט
diamant® telecom
diamanttelecom.com 347.388.7467
Monroe: 1 Maglenitz St. #001
Brooklyn: 803 Bedford Ave.
Upstate: Mountain Square Mall - 335 E Broadway
בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.
845.666.8455
swifly On Demand Messenger

# שכן צו שכן

מיר וואוינען נעבן איינע פון די בתי מדרשים דא אינעם געגנט, ווען מיר האלטן מיט די שטראם פון מענטשן וואס קומען דאווענען דא יעדן טאג אינעם בית המדרש. מיר האבן א פראבלעם, ווייל געוויסע ערלויבן זיך צו נוצן די פארקינג פון אונזער בילדונג וואס איז שלא ביושר. מען קען זיי אפשר דן לכף זכות, אז זיי טראכטן "ניחא לי לאיניש למעבד מצוה בממונא"...

אבער וואס איך קען נישט פארשטיין, ווי אזוי מענטשן וואס וואוינען ממש אונטער א פינף מינוט שפאציר צום בית המדרש, אבער זיי קומען מיט זייערע קארס! עס קוקט אויס ווי נוצן דער פיס איז א ערנסטע עבירה אדער קפידה... חלילה וחס צו נוצן זייער פיס וואס השי"ת האט זיי געגעבן.

אפגערעדט פון די רוחניות'דיג זכותים פון שכר פסיעות, בבית אלקים נהלך ברגש. איז דאס אויך זייער גוט בגשמיות, ווען דאס פאר טריט וועט זיך דער קערפער כאטש עפעס רוקן, וואס קוים מען מאכט סיי וועלכע איבונגען איבער'ן טאג.

מיר אליין ווי באלד איך וואוין נאנט צו איין בית המדרש, דאווען איך אין אן אנדערע בית המדרש, אזוי קען איך כאטשיג וואקן יעדן טאג אביסל. הלוואי זאלן מענטשן אנהייבן צו נוצן זייערע פיס, ווי איידער נוצן זייערע קארס און נאכצונעמען יענעמס פארקינג.

בבית השם נלך...

איבער די שמועס פון לאזן די שכינים שלאפן שבת נאכמיטאג און נישט צו לאזן די קינדער מאכן נויז. דאס איז שוין עפעס וואס איז א פאקט און דעבאטע גייט שוין אן זינט עס איז דא דער באגריף פון "שינה בשבת תענוג"... כלל ישראל איז ב"ה געבענטשט מיט זיסע קינדערלעך און גרויסע פאמיליעס, וואס איינס פלאס איינס איז איינס, אז אין די לאנגע שבת נאכמיטאג איז נישט מער ווי נארמאל אז זיי גייען שפילן.

איך גלייב אז יעדער וואס האט געקויפט אדער געדינגען א דירה דא אינעם שכונה, האט זייער קלאר געוואוסט אז דא גייט זיין שבת נאכמיטאג פיל מיט קינדערלעך אויף די גאסן. עס איז זייער נארמאל און אונזערע זיידעס וואלטן געקוועלט פון נחת פון אזויפיל לעכטיגע אידישע קינדעלעך שפילן זיך אין די גאסן אזוי שיין, וואס דאס איז געווען זייער זיסטע נקמה אין היטלער ימ"ש.

פון די אנדערע זייט האבן מיר אמאל מיטגעהאלטן ווי א קלוגער בעל דרשן ביי א שבע ברכות, וואס ווען ער האט גערעדט, האט איינער געוואלט שטיל מאכן די פרויען, האט ער אבער נישט געלאזט. ער האט געזאגט אז זיי די פרויען גייען סיי ווי נישט הערן אדער אפילו פארשטיין די דרשה. פארוואס זיי פייניגען און הייסן זיצן שטיל? פארוואס דארפן זיי קלאצן ווען איינער ביי די מענער רעדט...

אזוי אויך אונז מענער האבן ווי ארויסצוגיין יעדן טאג צו שמועסן מיט מענטשן, אונז האבן מיר א מנחה מעריב ווי מיר קענען זיך אויסשטשכענען. אבער די נשים צדקניות, ווען זיי האבן שוין ענדליך א שמחה ווי צו פארברענגן, זאל מען זיי אויך דא שטיל מאכן?

בעסער זאלן איך טרעפן א וועג ווי אזוי צו רעדן העכער אז מען זאל מיר בעסער הערן ביי די מענער... האט דער בעל דרשן אויסגעפירט.

לעינינו, רוב עלטערן קענען לכאורה באשטיין אז די קינדער זאלן זיין אינדרויסן, ווען זיי קענען זיך אפרוען פון זייערע שווערע

אייער פריינט
תושב השכונה

10% off
for SVM
Residence

# ALBUM ARTIST

## Custom Albums 845-806-1958

**Create forever lasting memories through a stunning album!**

**Wedding album ~ Tenoyim album ~ Baby album...**

**BE READY FOR SHABBOS NACHMU**

# סופר סת״ם
ס״ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

**יואל מארקאוויטש**
**845-324-0063**
תושב שכונות ויואל משה

# שכן צו שכן

ארבייט פון א גאנצע וואך. עס איז בעסער אז פאר די וואס שטערט דאס גויז פון קינדער וואס שפילן זיך אויפ'ן גאס, זאלן זיך איינהאנדלן א גוטער שלאף מאשין און עס אנשטעלן פאר שבת נאכמיטאג, והכל על מקומו יבוא בשלום.

אנטשולדיגט אויב איך האב אביסל מאריך געווען מיט מיין מעסעדזש, אבער איך מיין אז איך זאג ריכטיגע דיבורים.

מיר ווילן שוין שרייבן אפאר וואכן א שיינעם דאנק פאר די ווארימע ארטיקל יעדע וואך פון מרת ל. וואס ברענגט ארויס די שיינקייט פון אן אידישע מאמע. אבער נאכ'ן ליינען די פאריגע וואכדיגע ארטיקל, איבער ווער עס האט באמת געמאכט א סיום, אז דאס זענען אונז די פרויען וואס העלפן ארויס און ארבייטן שווערער אז די מענער זאלן קענען גיין לערנען. איז עס געווען זייער דערפרישענד צו ליינען ווי אן אנדערע פרוי טראגט אויך די זעלבע געדאנקן ווי מיר און עס אזוי שיין ארויסגעברענגט. עס האט מיר זייער מחי' געווען.

אן הערצליכן דאנק.

מיר ווילן בעטן אויב איך קענט שרייבן איבער די שעדליכקייט וואס קומט דא זייער אסאך מאל פאר, אז קינדער לויפן נאך די פאסט טרעקלעך, עס איז א שטארקער חילול השם, ווען זיי זענען נישט צוגעוואוינט צו דעליווערן פאסט אין געגנטער וואס זענען אזוי באוואוינט מיט קינדער.

אזוי אויך פאר די רוחניות פון אונזערע הייליגע קינדער פעלט נישט אויס צו רעדן אדער בעטן זאכן פונעם גוי.

אין א בריוו פאריגע וואך האט זיך אן איינוואוינער אפגערעדט אויף די מאנגל אין זיצן וואס עס זענען דא אין די בתי מדרשים דא אינעם שכונה, ווען מען ווארט אויף די פרישע בתי מדרשים זאלן זיך עפענען בסייעתא דשמיא.

אויב האט מען ביז יעצט געמיינט אז די פראבלעמען איז נאר שבת ביים דאווענען. איז צוגעקומען יעצט אויך די פראבלעמען, ווען "תורתיך שעשועי" האט אנגעהויבן מסכת עירובין, האט מען זיך דערזעען מיט א מאנגל אין זיצן אפילו פאר'ן לערנען... די שיעור פון הרה"ג רבי דוד גרינפעלד שליט"א איז איבערגעפילט עד אפס מקום, עס קען רוהיג פארנעמען א דאפלטע פלאץ. מען דארף שוין גרעסערע בתי מדרשים פאר די שיעורים אויך.

נאר אזלכעכע דאגות ב"ה...

## ביזנעס איידיע פאר די געגנט

קע"ה עס איז א גרויסע געגנט מיט גרויסע משפחות וואס קומט אויס אז עס איז שטענדיג דא געסט, סיי פאר שמחות און סיי אז מענטשן רופן אין זייערע גרעסערע דירות געסט אויף שבתים. אבער בעטקלעך מאכט זיך אייביג איז דא א מאנגל, אזוי אויך צוזאמלייג מאטראצן. אפשר זאל איינער עפענען א גמ"ח פאר באצאלט, צו קענען דינגען דא אינעם געגנט מאטראצן און בעטקלעך.



איר האט אן
אכצן יעריגס?
דאס ביכל איז פאר אייך ספעציעל געמאכט...
יעדע אות אין די אלף בית האט צען זייטן, פאר יעדע סארט משפחה נאמען עס צו קענען גרינג טרעפן וואו מען האט אפגעשריבן די אינפארמאציע.
איר וועט אייביג קענען צוריקגיין און וויסן ווער דער שדכן איז געווען, אויב איר באשליסט אז עס יא פאר אייך. אזוי אויך ווען א צווייטער שדכן רופט, וויפיל צייט עס איז אריבער זינט ער האט עס אנגעטראגן.
שרייבט אראפ די סיבות פארוואס עס לוינט זיך אריינצוקוקן דערין.
דא קענט איר צולייגן אייערע אייגענע אינפארמאציע וואס איר האט געהערט אדער געקליבן.
דא האט איר געווענליכע בעסיק אינפארמאציע וואס יעדער פרעגט, עס גיבט א שטיקל בילד וואס מען האט אנגעטראגן.
צו באקריגן אין די געשעפטן
פאר האלסעיל ביטע
רופט 718.781.0194

# אינטערוויו

## אינטערוויו מיט
## ר' יואל ליבערמאן פון "מינט קעפיטאל"



**די ערשטע שאלה וואס יעדער פרעגט, עפעס וואס שפילט א גרויסע ראלע אין די עקאנאמיע: וואס זענען יעצט די מארטגעדזש רעיטס?**

ענטפער: עס ווענדט זיך אין אסאך זאכן. עס איז נישט דא איין פיקסד רעיט פאר יעדן; עס מאכט א חילוק אויב מען קויפט אן ערשטע הויז, אן אינוועסטמענט, אדער מען מאכט א ריפייננס. אויך ווענדט עס זיך אינעם קרעדיט, דעם דאון-פעימענט און די ספעציפישע פראגראם.

אין אלגעמיין רעדט מען יעצט פון אן עווערידזש פון ארום זעקס פראצענט. עס איז זיכער בעסער ווי די זיבן און אכט פראצענט וואס מען האט געזען, אבער מען האלט נאכנישט צוריק ביי די צוויי ביז פיר פראצענט פון אמאל. יעדע פייל ווערט אבער געפרייזט אנדערש לויט ספעציפישע פאקטארן.

**פאר מענטשן דא אין שכונת ויואל משה, וואס לוינט זיך יעצט? ריפייננס אדער ווארטן?**

ענטפער: פאר אסאך מענטשן וואס האבן געקויפט מיט פיר-פינף יאר צוריק ווען די רעיטס זענען געווען העכער, קען ריפייננסן הייַנט זייער שטארק העלפן. מען קען באקומען א בעסערע רעיט און אראפברענגען די חודש'ליכע פעימענטס. אזוי אויך מענטשן וואס האבן געקויפט מיט א קלענערע דאון-פעימענט, ווי א 95% מארטגעדזש, קענען היינט מעגליך ריפייננסן צו א נידריגערע "לאון-טו-וועליו" (LTV), ווי 70% אדער 60%, וואס קען ברענגען בעסערע רעיטס.

אזוי אויך אויב איינער דארף קעש, סיי פאר א גרעסערע הויז אדער אן אינוועסטמענט, איז דא די אפציע צו קוקן אויף א "האום עקוויטי לאון" אדער א "קעש-אוט ריפייננס".

**וואס איז דיין אלגעמיינע עצה פאר מענטשן יעצט איבער ריפייננסן?**

ענטפער: מיין עצה איז פשוט, רעדט זיך דורך מיט א מארטגעדזש בראוקער... אסאך מענטשן מיינען אז נאכדעם וואס זיי האבן שוין גענומען א מארטגעדזש איז עס א "פארמאכטע באקס". עס איז נישט אזוי, זאכן טוישן זיך. רעיטס טוישן זיך, די ווערט פון דעם הויז טוישט זיך, און די קרעדיט ווערט בעסער. דורך כאפן א קורצן שמועס מיט א מארטגעדזש בראוקער, קען מען זיך צומאל שפארן הונדערטער אדער טויזנטער דאלארן יעדן חודש, פשוט דורך איבערקוקן די נומערן.

**מענטשן פרעגן אסאך, ווען איז די ריכטיגע צייט צו ריפייננסן? דארף מען ווארטן אויף א גוטע מארקעט? דארף מען זיך נאכפרעגן אויב די פעדעראל רעזערוו האט געשניטן די ראטעס אדער נישט?**

ענטפער: די ריכטיגע צייט פאר א מענטש איז ווען "זיינע" נומערן מאכן סענס. דאס מיינט, אויב דו קענסט אראפברענגען דיין רעיט, קלענער מאכן דיין חודש'ליכע פעימענט, אדער טוישן דעם לאון צו א בעסערע סטרוקטור, דאן לוינט עס זיך "פאר דיר". דו האסט גארנישט פון ווארטן אויף "די בעסטע מארקעט", נאר קוק וואס העלפט דיר פערזענליך יעצט.

THE MintCapital

**אויב איך האב שוין ריפייננענסט איינמאל, קען איך נאכאמאל?**

ענטפער: יא, זיכער. אסאך מענטשן ריפייננענסן מער ווי איין מאל איבער די יארן. אויב די רעיטס אדער דיין סיטואציע האט זיך געטוישט, קען נאך א ריפייננענס מאכן סענס. די שאלה איז נישט וויפיל מאל דו האסט עס שוין געטון, נאר אויב עס איז היינט בעסער פאר דיר ווי דעמאלטס.

**וואס פאסירט אויב מיין הויז איז נישט אזוי פיל ווערט וויפיל איך האב באצאלט דערפאר? לוינט זיך דעמאלטס אויך צו ריפייננענסן?**

ענטפער: עס זענען דא פארשידענע פראגראמען און אפציעס פאר אזלעכע פעלער, עס ווענדט זיך לויט די סיטואציע, ווי למשל loan modifications אדער אנדערע ריפייננאנס פראגראמען. עס איז וויכטיג דאס דורכצוקוקן מיט א פראפעסיאנאל, כדי צו זען וואס עס איז מעגליך צו טון.

**דארף איך האבן א פערפעקטע קרעדיט צו קענען ריפייננענסן?**

ענטפער: ניין. א בעסערע קרעדיט העלפט טאקע צו באקומען בעסערע רעיטס, אבער עס זענען דא פראגראמען פאר פארשידענע לעוועלס פון קרעדיט. יעדער פאל ווערט באטראכט באזונדער.

**ווי לאנג נעמט א ריפיינעס פראצעדור?**

ענטפער: געווענליך צווישן צוויי און פינף וואכן, עס ווענדט זיך אין די דאקומענטן, די אפרעיזעל, און ווי שנעל מען גייט דורך די פראצעדורן.

**יעצט לאמיר גיין פערזענליך... מיט וואס קען "מינט קעפיטאל" העלפן?**

ענטפער: מיר ארבעטן מיט מענטשן וואס ווילן ריפייננענסן, קויפן הייזער, ארויסנעמען עקוויטי, אדער פשוט בעסער פארשטיין זייערע אפציעס. מיר העלפן דורכגיין די נומערן וואס מיר האבן דא אויסגעשמועסט, און זען אויב עס איז דא א וועג צו שפארן געלט אדער מאכן בעסערע פינאנציעלע באשלוסן. אויב איז עפעס מיט רעזידענשל מארגאדשעס, קען אייך "מינט קעפיטאל" בסייעתא דשמיא.





## שאלה: **פארוואס פעלט בכלל אויס א מענעדזשמענט קאמפאני אויב עס איז דא א באורד? קען די באורד נישט אליין קעיר נעמען און פירן דעם גאנצן קאנדא-דעוועלאפמענט?**

**ענטפער:** עס איז א שטארקע שאלה, איינע פון די זאכן וואס מענטשן פרעגן כסדר.

דער פשוט'ער ענטפער איז אזוי: די באורד און די מענעדזשמענט קאמפאני טוען אינגאנצן אנדערע זאכן.

די באורד איז א גרופע איינוואוינער וועמען די שכנים האבן אריינגעשטימט צו טראגן די אחריות אויף די אלגעמיינע ענינים פונעם קאנדא. זיי זענען די וואס מאכן די גרויסע באשלוסן: זיי באשטעטיגן דעם בודזשעט, שטעלן אויס די פארשריפטן און רעגולאציעס, און האלטן אן אויג אז אלעס זאל קלאפן ווי עס דארף צו זיין.

אבער פון דארט ביזן פירן די טעגליכע אפעראציעס איז דא א לאנגע ליסטע פון זאכן וואס דארפן געטון ווערן רעגלמעסיג.

טראכט נאר אריין: עס פאלט א שניי; א לעקטער ברענט אויס; א פייפ פלאצט; מען דארף עפעס פאררעכטן אינעם בנין; סופלייערס דארפן באצאלט ווערן; די גארבידזש הויז מוז גערייניגט ווערן; אן איינוואוינער האט א טענה אדער א קלאגע; אדער ווען עפעס פאסירט אינמיטן נאכט. ביי אזא לאנגע ליסטע פון ארבעט, ווער גייט זיך אפגעבן מיט די אלע זאכן?

די באורד-מיטגלידער זענען דאך נישט קיין באצאלטע ארבעטער; זיי האבן אייגענע משפחות, דזשאבס און פערזענליכע דרוק. רוב מענטשן וואס זיצן אויפ'ן באורד טוען דאס אויף זייער אייגענעם חשבון אין זייער פרייע צייט, בלויז ווייל זיי ווילן ארויסהעלפן די שכנים. זיי זענען ריכטיגע "העוסקים בצרכי ציבור באמונה". זיי קענען אפילו מיט'ן בעסטן ווילן נישט זיין פאראנטווארטליך אויף די טעגליכע פרעשער וואס יעדע קאנדא האט.

דא קומט אריין די מענעדזשמענט קאמפאני. די מענעדזשמענט קאמפאני באשטייט פון פראפעסיאנעלע מענעדזשערס און ארבעטער וואס מאכן זיכער אז אלעס פארט אינעם קאנדא לויט ווי די שכנים ווילן. זיי ענטפערן די טעלעפאן קאלס, און זיי דילן מיט די עלעקטרישנס און פלאמבערס. זיי מאכן זיכער אז זאכן ווערן פאראכטן, זיי זארגן פאר אלע סערוויסעס, זיי האלטן די חשבונות פון די בילס, און זיי פירן אויס פראקטיש די גאנצע טעגליכע ארבעט פונעם קאנדא.

ווען אלע דריי - די איינוואוינער, די באורד און די מענעדזשמענט - ארבעטן אינאיינעם ווי עס דארף צו זיין, האבן אלע איינוואוינער הנאה דערפון. דאס פלאץ בלייבט שיין און מסודר, פראבלעמען ווערן באהאנדלט שנעלער, און דאס געלט ווערט אויסגעגעבן מיט פיל מער אחריות.

***

**האט איר סיי וועלכע שאלה צו די מענעדזשמענט קאמפאני?**

שיקט אונז אייער שאלה אויף:

**questions@utmostmanagement.com**

בעזרת השם וועלן מיר פון צייט צו צייט אויסקלייבן שאלות פון די איינוואוינער און זיי באהאנדלען אין די קומענדיגע ארטיקלען.

בס"ד

# The fastest route to your door.



קינדער,
העלפט אונזער דרייווער
און געווין!

**We know the quickest route to you. Think you do, too?** Guide the Blooming Grove Pharmacy driver through the maze for a chance to win a $25 Funtazz gift card!

**SEND US YOUR MAZE TO ENTER THE RAFFLE:**

1) Drop off at Blooming Grove Pharmacy or Funtazz
2) Hand to our driver when he delivers your order
3) Whatsapp a picture to 845.775.4175
4) Fax to 845.775.4185

**Name** ______________________

**Phone** ______________________

**Email** ______________________

The raffle will be held on Monday, July 6 כ"א תמוז

שמואל יוסף זאלדאן

**Blooming Grove**
PHARMACY

**FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING**

**Call/Text / WA 845.775.4175**
**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

faigyporgesz.com

# ברויט
# פאר
# הויזן!




**שיקט אריין אייערע רעסיטס** מיט
**"בינער'ס ברויט"** דערויף און **געווינט!**

---

**וויאזוי שיקט מען אריין די רעסיטס?** אימעיל: **promo@thebbinc.com** טעקסט/פיקטשער: **405.970.0036** דורך די פאסט

# א געווינס ספעציעל פאר **שכונת ויאל משה!**

יעדע "האָל-ווייט" ברויט וואס איר קויפט פארן שטוב איז א **פרישע געלעגנהייט אײנצוהאנדלען א טיקעט אין די גורלות**

**$300 גיפט סערטיפעקאט ביי** ____________ **ELEGANT HOME & GIFTS**

**$200 גיפט סערטיפעקאט ביי** ____________ **TOYS TO DISCOVER**

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** ____________ **EATALY DAIRY**

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** ____________ **HAVEN TOAST**

**וויפיל ברויטן, אזויפיל טיקעטס ביי** ____________ **HOOPLA**

**די גורלות וועלן פארקומען בעז"ה דינסטאג פרשת עקב תשפ"ו**




דורך די פאסט: **Bieners Bakery, 51 Forest Rd. 316-225, Monroe NY 10950**

# א שאלה צום דיין

גערפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונתינו

## שאלה

אין די מעדיקעיד עסן באקסעס וואס איז פארטיילט געווארן פאריגע וואך איז געליגן דארט א נייער אייטעם פון די פרדס פירמע: "אויסגעטרינקענט יונגע צוויבל". שבת האבן מיר עס ארויפגעלייגט אויף די אייער, אבער עס האט נישט געהאט קיין עכטע טעם פון צוויבל, נאר אן עסן בלי טעם. קוקענדיג אויפן באטל שטייט אז צו האבן די גוטע ריכטיגע טעם דארף מען עס ווייקן אין וואסער.

איז די שאלה אויב מען מעג עס טון שבת?

## תשובה

וועגן לייגן די סארט צוויבל אין וואסער. דארף מען וויסן די מציאות וויאזוי דאס איז פראדעציערט כדי צו וויסן די תשובה אויף די שאלה.

אריינצושיקן שאלות לאזט א מעסעדזש
אויף 845.682.1282 אדער שיקט צו
letters@svmkipke.com



MARY KAY
come match your color to get a free cosmetic bag!
Free mini perfume with any purchase!!!

Free delivery no minimum. call or txt your order
845-662-5192 SVM




# EZ Shopping 845 248 9626

| | Luvs $50 | Pampers Baby Dry $65 | Pampers Swaddlers $65 | Huggies $60 | Parents Choice $55 | Mama Bear $40 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **1** | 294 | 242 | 198 | 256 | 412 | 196 |
| **2** | 264 | 220 | 186 | 222 | 384 | 184 |
| **3** | 324 | 210 | 168 | 210 | 336 | 168 |
| **4** | 198 | 186 | 150 | 180 | 308 | 148 |
| **5** | 172 | 164 | 132 | 156 | 258 | 132 |
| **6** | 144 | 144 | 108 | 124 | 212 | 108 |

**We also do all kind of online shopping,**

**we are specialized in finding the best price on**

**Diapers, Pull ups and Detergents**




# THE TOP 5 FOODS VOTED

| YOGURT AND LEBEN | AVOCADO | SIDE OF SALMON | SOURDOUGH BREAD | FROZEN PIZZA |
|---|---|---|---|---|

8,496 People voted. Thank you for making this Mr. Boxel challenge a huge success!

THE GOOD NEWS! THESE 5 TOP FAVORITES ARE ENJOYED BY MANY FAMILIES RECEIVING FREE WEEKLY FOOD BOXES.

| Free Food Boxes | Hot Fresh Prepared Meals | Appliances And Housing Support | More SCN Benefits |
|---|---|---|---|

Nameless.team

One family won the raffle.
Thousands win every week.

# WINNERS OF THE FREE GROCERY

Congratulations to the Mandel Family of New City,
Winners of the free grocery order giveaway!

**Want to be a weekly winner too?
Call now to signup for weekly free food.**

**845.251.0080**

EVERY PHONE CALL GETS ANSWERED

# LAGUF

Now Serving Brooklyn, Monsey, Monroe, the Catskills, and surrounding communities.

At Laguf, we do more than help families apply. We guide you through the entire process, help you understand your options, and make sure you receive the food benefits that best fit your family's needs.

Up to $500 value. Winner may choose groceries or cash. Restrictions apply.





# ווערטער און געדאנקען
אויפן "תורתך שעשועי" שיעור

**ה׳) ד׳ רשויות**

א בדחן האט געזאגט די וואך ביי א שבע ברכות אז מען האט יעצט אנגעהויבן מסכת עירובין, איז דאס זייער א פאסיגע לעקציע צו זאגן פאר א חתן. אין עירובין זעט מען אז ס׳איז דא פיר רשויות: רשות היחיד, רשות הרבים, כרמלית און א מקום פטור.

דאס זעלבע איז א מענטש. ווען א מענטש ווערט געבוירן, איז ער א רשות היחיד ביז זיין חתונה. ער לעבט פאר זיך, ער שטערט נישט קיינעם, ער איז א רשות היחיד. ער ווערט אבער א חתן, ער האט חתונה, אזוי בשעת די שבע ברכות איז ער א רשות הרבים, יעדער קוקט אויף אים, יעדער פרעגט זיך נאך אויף אים, ער איז א רשות הרבים.

עס קומט נאך די חתונה, ווען מען הייבט אן אריינצוגיין אינעם לעבן, איז עס א ווי כרמלית, וואס איז ווי א ים, און א בקעה. מען גייט דורך טולן און בערג, שווערע וואסערן, אזוי אז מען איז נישט קיין רשות היחיד און נישט קיין רשות הרבים, מען ווייסט נישט וואו מען שטייט, מען פראבירט דורכצוגיין.

אבער ווען דער אייבערשטער העלפט אז ברוך השם, עס זיצן ביי א שבע ברכות זיצן זיידעס, די יארן וואס מען איז שוין א מקום פטור...עס קאסט שוין נישט קיין געלט צו באצאלן פאר די חתונה, מען האט הנאה, אזא מקום פטור סטייל... עס אי עס איז שוין פטור ומותה...

**ו׳) מקולי בית שמאי ומקולי בית הלל נקרא רשע.**

מען קען מען זאגן היינטיגע צייטן א גוטע משל. אז די וואס דאווענען מנחה נאך די שקיעה און אויך מעריב פאר׳ן זמן, זיי נעמען אןביידע קולות, אז סיי עס איז נאך טאג און מען קען נאך דאווענען מנחה, און סיי עס איז שוין נאכט און מען דאווענט שוין מעריב. מ׳זעט פון דעם רעדט די גמרא, אז מ׳טאר עס נישט טון, מען קען נישט טאנצן אויף צוויי חתונות.

**ז׳) כאן לפני בת קול, כאן לאחר בת קול**

אין גאנץ ש"ס איז דא דריי מסכתות וואס הייבן זיך אן מיט א נאמען פון א מענטש. מסכת אבות הייבט זיך אן משה קיבל תורה מסיני. מסכת עדיות און מסכת נדה הייבן זיך אן שמאי אומר כל הנשים דין שעתן.

משה ווייל ער האט מקבל געווען תורה פון הימל. אזוי אויך בית שמאי כדי להחליק כבוד, אז מען פסקנ׳ט נישט ווי אים.

**ח׳) בקעה מצאה וגדר בה גדר.**

איינער טרעפט זיך אין א טאל, דאס מיינט ער איז אן שווערע מצב, איז וגדר בה גדר מאכט מען זיך א פרישע קבלה, וואס דאס העלפט ארויסצונעמען א מענטש פון א שווערן מצב.


$25 COUPON
towards your next session!
F. Deutsch
faigydeutsch.com
347-587-0839
EXP: 12/03
54698726114




# קלאסיפייד

Limited slots available in a small, homey, steady babysitting.
12 Austra.
References available upon request.

329-236-3412

ג. פריעד (ווייס)

Expert Appliances Repair
Stoves, Oven, Dryers, and
Refrigerators מיר פאַרריכטן
ביטע רופט דעם עקספערט מיט
אַסאך יאָרן עקספעריענס

718-483-4817 י. ב. לעווי




Hair and wig services
haircuts $15 styles $30 NEW!
Have your amazon wig cut for only $40. Wash and sets $35. We also have Amazon wigs in stock. Many happy references.845.637.1516
or 845.248.7859





א באקס
מטעמים
בחינם
און פריש
בוטשער
דעלי
גראסערי
Meal Program
[דעליווערט וועכנטליך]
באקומט בייַם
טיר אן אומזיסטע
באקס שיין
געפאקט מהודר
בתכלית הכשרות
וועלט אייך אויס א פעקעדזש פון פרישע
רויע פליישן מיט געשמאקע דעלי מאכלים
און נוצבארע גראסערי ארטיקלען
Make yourself fleishig;
we'll make it worthwhile.
קרית יואל
פליש
MEAT & TAKEOUT
51 Forest Rd.
(Shopping Center)
97 Acres Rd.
(Icon Mall)
590 NY 208
(Cor. Mountain)
We Deliver All Over NY
SCN Program
זיך אויפצוסיינען אדער צו
טרענספערן פראווידער רופט:
845.208.9999
DPMG